# די הייליגע עבודה פונ'ם טאהש'ער רבי'ן זצוק"ל בנוגע "קדושת ביהמ"ד"



**עס איז באקאנט אז דער טאהשער רבי זכותו יגן עלינו איז געווען א נח לבריות, מיט זיין שמייכל צו יעדן איד, זיין סענסעטיווקייט צו די געפילן פון אן אנדערן איד, מ'האט קיינמאל נישט געהערט פון אים קיין הויעך ווארט, איין איינציג מאל האט מען געזען ווי ער איז יצא מגדרו און פארפירט, און דאס איז געווען אויף די ענין פון "קדושת בית המדרש"**

**מען זאל וויסן און מען זאל געדענקען**

## אז די אלע וואס רעדן אינמיטן דאווענען האב איך נישט מיט זיי קיין שייכות!

**זיי זענען מינים ואפיקורסים, כופרים באלקי ישראל, זיי זענען פון די יורדי גהנום רח"ל, ווער ווייסט ווער ווייסט  צו זיי וועלן נאך האבן א תיקון. זיי פארטרייבן די שכינה פון דעם מקדש מעט, דאס איז ממש חורבן בית המקדש, וויי וויי אויף זיי.**

**אין דבר העומד בפני תשובה! מען קען תשובה טון, אבער עס איז נישט אזוי איינפאל, עס איז גארנישט קיין חומרא, און עס איז נישט איבערגעטריבן, וואס איך זאג דאס איז די ווערטער פסון אונזערע הייליגע חכז"ל, ועל ראשם דער אר"י הקדוש, ורב ייבא ועוד וכו'**

(אדמו"ר מטאהש בעל עבודת עבודה זצ"ל בדרשה קודם קבלת שבת שבת שירה תשמ"ז)

עס איז געווען ביום הפורים אין שנת תשמ"א לפ"ק, ביים שלחן הטהור "משתה היין", דער רבי איז דאן געזעצן מיט א געוואלדיגע דביקות. מען האט מעורר רחמים געווען פאר ישועות בכלליות ופרטיות, און עס האט געהערשט א גרויס התעוררות אין ביהמ"ד. בשעת'ן גראמען די חרוזים, איז געווען גרויסע בכיות, און ס'איז געווען קענטיג אויף די הייליגע צורה אז עס האט דעם רבי'ן זייער אדורכגענומען און ס'פלאמט ביי אים אינעווייניג אין הארץ.

פלוצלינג גיבט דער הייליגער רבי ז"ל א פרעג פונ'ם עולם: **"עטס ווילטס א ישועה"?!...**

דער ציבור איז געווארן מורא'דיג נתרגש, מען האט זיך פשוט נישט געראכטן אויף אזא שאלה, און קיינער האט גארנישט געענטפערט מחמת אימה ופחד.

דער הייליגער רבי ז"ל האט נאכאמאל איבערגעפרעגט די שאלה, און דאסמאל מיט גרויסע כוחות בקול גדול: **"עטס ווילטס א ישועה?!"** די זקני החסידים וועלכע זענען געזעצן ביים טיש (הר"ר שמואל מאיר ל. ע"ה, ר' חיים זאב מ. ע"ה, ועוד) האבן אנגעהויבן צו ענטפערן: **"יא!"**, און דער גאנצער ציבור האט נאכגעזאגט **"יא, יא!"**

האט דער צדיק אויף דעם געענטפערט מיט א געוואלדיגער התלהבות: **"רעדט'ס נישט ביים דאווענען! און נישט נאר ביים אייגענעם מנין, נאר אויב יעצט דאווענט מען דארט, זאל מען אויך נישט רעדן, וועט די שכינה הקדושה אונז געבן אלע ישועות!"** (מפי א' מזקני החסידים הי"ו)

*

די צווייטע עובדא איז פארגעקומען שבת שירה תשמ"ו לפ"ק, ווען דער רבי זצוק"ל האט געזאגט גאר שארפע ווערטער וואס ביי ווענמען ס'האט דאס געהערט ליגט עס נאך אלץ אין די ביינער מיט א הייליגן ציטער.

**לעילוי נשמת רבן ומאורן של ישראל רבי משולם פייש בן מרדכי בן צירל זי"ע - לרגל היארצייט ז"ך אב**